**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/22/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער HOCHUL (האקול) פארברייטערט העלט קעיר דעקונג פאר 800,000 קינדער אין ניו יארק**

***וועיווער אמענדמענט פארזיכערט אז קינדער אונטער זעקס האבן אומגעשטערטע דעקונג אין Child Health Plus און Medicaid***

***אנגייענדע בארעכטיגונג וועיווער וועט שיצן העלט אייניגקייט דורכאויס די סטעיט***

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז די סטעיט קען יעצט צושטעלן פאר קינדער אונטער זעקס יאר אנגייענדע בארעכטיגונג אין Child Health Plus און Medicaid. די טויש פארגרינגערט זיך איינצושרייבן אין די פראגראמען דורך פארמינערן אדמיניסטראטיווע שוועריקייטן און פארזיכערט אז די יונגסטע ניו יארקערס האבן אנגייענדע צוטריט צו דעקונג ביז די זעקס יאר אלט. אונטער גאווארנער Hochul's (האקול'ס) פירערשאפט, האט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט (the New York State Department of Health) אריינגעגעבן א 1115 Medicaid Redesign Team וועיווער אמענדמענט וואס איז באשטעטיגט געווארן דורך די צענטערן פאר מעדיקעיר און מעדיקעיד סערוויסעס (Centers for Medicare and Medicaid Services). די באשטעטיגונג פאלגט נאך איוף די גאווארנער'ס פארפליכטיגונג צו פארבעסערן ניו יארק'ס העלט קעיר סיסטעם, פארבעסערן העלט אייניגקייט און פארברייטערן העלט קעיר דעקונג.

"דורך פארברייטערן העלט דעקונג פאר 800,000 קינדער לענגאויס אונזער סטעיט, פארזיכערן מיר אז זיי האבן די אומגעשטערטע דעקונג אין וואס זיי נויטיגן זיך צו פירן א פולע און געזונטע לעבן," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די וועיווער ערלויבט אונז צו געבן אויסוואלן פאר פאמיליעס ווען עס קומט צו זייערע קינדער'ס העלט קעיר, און מיר וועלן אלעמאל גיין די איבריגע מייל צו שאפן א געזונטע צוקונפט פאר אונזערע יונגסטע ניו יארקערס."

גאווארנער Hochul's (האקול'ס) איבערגעגעבנקייט צו פארזיכערן קוואליטעטפולע העלט קעיר לענגאויס די סטעיט פארשטערקערט ניו יארק'ס פלאץ אין די וואקסנדע ליסטע פון סטעיטס וואס שטעלן צו אנגייענדע העלט אינשורענס בארעכטיגונג פאר קינדער אונטער זעקס יאר אלט.

עס זענען דא מער ווי 800,000 קינדער אונטער זעקס יאר אלט וואס זענען איינגעשריבן אין Medicaid און Child Health Plus וואס קענען בענעפיטירן פון די טויש.

ביז סעפטעמבער 2024, זענען מער ווי 2.5 מיליאן קינדער אונטער 18 יאר שוין געווען איינגעשריבן אין Medicaid און Child Health Plus, מאכנדיג ניו יארק'ס איינס פון די מערסט אויסגעברייטערטע פאבליק העלט אינשורענס פראגראמען אינעם לאנד. Medicaid און Child Health Plus זענען אפן זיך איינצושריבן דורכאויס די יאר און זיי שטעלן צו פולשטענדיגע העלט בענעפיטן פאר די שוואכסטע ניו

יארקערס, אריינגערעכנט נידריג-איינקונפט פאמיליעס מיט קינדער, עלטערע, קינדער אין פאסטער קעיר, שוואנגערדיגע פרויען און מענטשן מיט דיסאביליטיס.

**ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמיסיאנאר דאקטאר James McDonald (דשעימס מקדאנאלד) האט געזאגט,** "דעס איז זייער א וויכטיגע און אקטועלע מעלדונג. קינדער זענען אזוי שוואך, און אין ריזיקע פאר ערנסטע אומגונסטיגע געזונטהייט נאכפאלן, אויב זיי האבן נישט קיין צוטריט צו קוואליטעט-פולע העלטקעיר. די באשטעטיגונג פון די וועיווער פון CMS שטעלט פאר זייער גוטע ארבעט פון די דעפארטמענט, און ווייזט אונזער שטארקע פארטנערשאפט מיט די פעדעראלע רעגירונג צו דערגרייכן אונזערע געמיינזאמע צילן פון גוטע געזונטהייט נאכפאלן פאר אונזערע קינדער און דערגרייכן געזונטהייט אייניגקייט."

**ניו יארק סטעיט Medicaid פראגראם דירעקטאר Amir Bassiri (אמיר באסירי) האט געזאגט,** "קינדער וואס האבן נישט קיין צוטירט צו נויטיגע העלט סערוויסעס זענען מער אויסגעשטעלט צו ליידן פון נעגאטיווע לאנג-טערמיניגע ווירקונגען צו זייער גייסטישע, פיזישע און סאציאלע אנטוויקלונג. דורך צושטעלן אומגעשטערטע צוטירט צו העלט אינשורענס פאר יונגע קידנער, וועט די וועיווער העלפן אפהיטן זייער מעגליכקייט צו בליען פון אנפאנג, שטיצנדיג בעסערע העלט נאכפאלגן פאר שוואכע ניו יארקערס און פארמינערנדיג סיסטעמאטישע העלט אומגלייכקייטן דורכאויס די סטעיט."

**סענאט מאיאריטעט פירער Charles Schumer (טשארלס שומער) האט געזאגט,** "Medicaid איז די פונדאמענט פון העלטקעיר פאר אומצאליגע ניו יארקערס, און די פעדעראלע באשטעטיגונג פון ניו יארק'ס מעדיקעיד וועיווער וועט פארזיכערן אז מער יונגע קינדער קענען האבן צוטריט צו קעיר. יעצט, וועלן פאמיליעס לענגאויס ניו יארק האבן מער העלט קעיר אויסוואלן פאר זייערע קינדער. איך בין צופרידן צו ארבעטן זייט ביי זייט מיט גאווארנער Hochul (האקול) צו מאכן העלט קעיר מער צוגענגליך און מעגליך צוצוקומען פאר אונזערע יונגסטע ניו יארקערס."

**סענאטאר Kirsten Gillibrand (קירסטען גיליברענד) האט געזאגט,** "צוטריט צו הויכע-קוואליטעט העלט-קעיר איז וויכטיג צו פארזיכערן אז ניו יארק'ס קינדער קענען בליען פיזיש, גייסטיש און אקאדעמיש, און איך בין שטאלץ צו זען אז אונזער סטעיט נעמט שריט צו פארמערן די צוטריט. די וועיווער וועט פארברייטערן העלט קעיר דעקונג פאר אונזער שוואכסטע באפעלקערונגען, העלפנדיג צו פארבעסערן לאנג-טערמיניגע העלט נאכפאלגן פאר די קומענדיגע דור. איך אפלאדיר CMS פארן באשטעטיגן די וועיווער, און איך וועל ווייטער אדוואקאטירן אומאויפהערליך אויף די פעדעראלע לעווועל צו מאכן זיכער אז ניו יארקערס באקומען די קעיר וואס זיי דארפן."

**פארשטייער Jerrold Nadler (דשעראלד נאדלער) האט געזאגט,** "עס איז קריטיש פאר ניו יארק'ס קינדער צו האבן צוטריט צו הויכע קוואליטעט און אומגעשטערטע העלט קעיר דעקונג. איך בין צופרידן אז CMS האט באשטעטיגט ניו יארק'ס MRT 115 וועיווער אמענדמענט צוצושטעלן אנגייענדע בארעכטיגונג פאר קינדער אונטער זעקס יאר אלט אין Child Health Plus און Medicaid."

**פארשטייער Nydia M. Velázquez (נידיא מ. וועלאזקעז) האט געזאגט,** "די דעקונג פארברייטערונג וועט העלפן פארזיכערן אז אלע קינדער, אפגעזען פון זייער הינטערגרונט, האבן צוטריט צו די העלט קעיר וואס זיי דארפן צו קענען בליען. דורך פריאריטיזירן אנגייענדע העלט דעקונג פאר קינדער אונטער זעקס יאר, שטעלט ניו יארק א מאכטפולע ביישפיל פאר סטעיטס וואס שטעלן זיך צאם מיט די פעדעראלע רעגירונג צו פארבעסערן העלט אייניגקייט. איך לויב אויס גאווארנער Hochul (האקול) און איר אדמיניסטראציע פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו באשיצן די וואוילזיין פון שוואכע קינדער לענגאויס די סטעיט."

**דעמעקראַטישע פירער Hakeem Jeffries (האקים דשעפריס) האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר פאר גאווארנער Hochul (האקול"ס) פירערשאפט צו פארזיכערן אז באלד איין מייאן פון אונזערע יונגסטע ניו יארקערס וועלן האבן צוטריט צו ארומנעמענדע העלט אינשורענס דעקונד דורך Medicaid זיי צו שטעלן אויף א געזונטע וועג גייענדיג פאראויס. אונטן אין וואשינגטאן, וועלן הויז דעמאקראטן ארבעטן צו בויען אויף אונזערע היסטארישע באמיאונגען צו נידערן פרעסקריפשן דראג קאסטן און פארברייטערן די צוגענגליכע קעיר אקט (Affordable Care Act) דורך די אינפלאציע פארמינערונג אקט ( Inflation Reduction Act) און באשיצן Medicaid פון עקסטרעמיסטן וואס ווילן נעמען א פאקל צו אונזער קעיר."

**פארשטייער Adriano Espaillat (אדריאנא עספאילאט) האט געזאגט,** "גאווארנער Hochul (האקול) שטעלט צו לעבנסרעטנדע דעקונג צו איבער 800,000 קינדער אונטער זעקס יאר אלט, ערפילנדיג איר צוזאג צו פארבעסערן ניו יארק'ס העלטקעיר סיסטעם און פארזיכערן אייניגע צוטריט צו העלטקעיר פאר אלע ניו יארקערס. דורך פארזיכערן אז קינדער וועלן בלייבן איינגעשריבן אין Medicaid און Child Health Plus אומגעשטערט, פארמיידט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט די לעבנסלענגליכע פיזישע, גייסטישע און סאציאלע ווירקונגען. איך קוק ארויס ווייטער צו ארבעטן מיטן גאווערנער צו פארזיכערן די געזונטהייט פון ניו יארק פאמיליעס."

**פארשטייער Joe Morelle (דשאו מארעל) האט געזאגט,** "צו פיל קינדער אין אונזערע קאמיוניטיס ווערן אונטער-סערווירט און קענען נישט צוקומען צו די קעיר וואס זיי דארפן צוליב די הויכע קאסטן פון העלטקעיר. די היינטיגע מעלדונג ברענגט אונז נענטער אויפצולעזן די דריקנדע פראבלעם אין ניו יארק סטעיט. פארברייטערן בארעכטיגקייט פאר Child Health Plus און Medicaid צו קינדער אונטער זעקס וועט ברענגען א שטארקע טויש פאר פאמילעס, געבנדיג זיי די זיכערהייט און הרחוות הדעת וואס קומט פון וויסן אז זייערע קינדער'ס געזונט און זיכערהייט זענען א פריאריטעט. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט און איך קוק ארויס צו אנגיין מיט אונזער ארבעט צוזאמען צו אויפבויען פאמיליעס אין מאנראו קאונטי און איבער ניו יארק סטעיט."

**פארשטייער Dan Goldman (דאן גאלדמאן) האט געזאגט,** "קאפריזע Medicaid בארעכטיגונג פארלאנגען זאלן קיינמאל נישט קומען אין וועג צווישן א יונגע קינד און די דאקטער'ס אפיס. איך אפלאדיר גאווארנער Hochul (האקול) פארן ארבעטן איינצופירן די 1115 וועיווער, וועלכע וועט פארזיכערן אומגעשטערטע העלט קעיר דעקונג פאר 800,000 קינדער לענגאויס ניו יארק. גוטע העלט און צוטריט צו געווענליכע העלט קעיר אין א קינד'ס פריע יארן פארמערן די מעגליכקייט אז זיי וועלן לעבן לאנגע, געזונטע לעבנס. עס איז וויכטיג אז מיר זאלן טון אלעס מעגליך צו פארזיכערן אז קינדער לענגאויס אונזער לאנד האבן צוטריט צו די פולשטענדיגע, פארלעסליכע העלט קעיר דעקונג וואס קומט זיך זיי."

**פארשטייער Tim Kennedy (טים קענעדי) האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדע קינד צוטריט צו א געזונטע אנפאנג אין לעבן. די העלט דעקונג פארברייטערונג געבט פאר טויזנטער קינדער לענגאויס ניו יארק א פעסטער פונדאמענט פון וועלכע צו בויען לעבנסלענגליכע וואוילזיין און גלעגנהייטן צו בליען."

די וועיווער אמענדמענט פארענדערט די סטעיט'ס יעצטיגע MRT 1115 וועיווער דורך טוישן עקזיסטירנדע בארעכטיגונג קריטעריאנען פאר קינדער אין Medicaid און Child Health Plus, זיי צו ערלויבן אנגייענדע איינשרייבונג אפילו אויב די קינד'ס פאמיליע אומשטענדן טוישן זיך. לעכער אין דעקונג פאר יונגע קינדער קען זיין שעדליך פאר זייער לאנג טערמיניגע העלט און וואוילזיין. די איבערלעבענישן קענען האבן נעגאטיווע לאנג-טערמיניגע ווירקונגען פאר קינדער'ס גייסטישע און פיזישע געזונט, בילדונג דערגרייכונג און פינאנציעלע זיכערהייט.

דורכן באקומען די באשטעטיגונג, האט גאווארנער Hochul (האקול) פארזיכערט אומגעשטערטע צוטריט צו העלט אינשורענס וואס וועט פארזיכערן אז קינדער זענען פארבינדן צו דעקונג און וויכטיגע העלט קעיר

דורכאויס זייערע פארמענדע יארן, אריינרעכענענדיג וויכטיגע פארמיידונג און ערשטע קעיר סערוויסעס. דאס ברענגט ווייטער די גאווארנער'ס שטארקע איבערגעגעבנקייט צו לייגן ניו יארק ביים אנפאנג פון פראגרעסיווע, מיטליידנדע העלט קעיר.

מער אינפארמאציע איבער MRT 1115 אנגייענדע בארעכטיגונג וועיווער אמענדמענט קען מען טרעפן דא.

מער אינפארמאציע און פאבליק באמערקונגען פאר די MRT 1115 אנגייענדע בארעכטיגונג וועיווער אמענדמענט קען מען טרעפן דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן